© Copyright Artists For Israel International. All rights reserved.

# טימוטיוס 1

1. שאול, א שליח פונם משיח ישוע לויט דעם באפעל פון ג-ט, אונזער
גואל און משיח ישוע אונזער תקוה (הופאנונג).
2. צו טימוטיוס אן אמתע זון אין דער אמונה;
חסד, רחמים, און שלום פון ג-ט, אונזער פאטער און פון ישוע המשיח
אונזער האר (אדון).
3. ווי זייענדיק אין מאסעדוניא איך האב דיר געבעטן בלייבן
אין עפעסיס כדי דו זאלצט אפהאלטן געוויסע מענטשען
פון לערנען אן אנדערע דאקטרין(שיטה).
4. האלט זיי אופ פון לערנען סתם מעשיות און יחוס. דאס
ברענקט מענטשען זאללן איבערטראכטען אנשטאט צו
טאן די מעשים פון ג-ט וואס פאדערט אמונה.
5. דער ציל פון דעם באפעל איז פארשפרייטן ליבשאפט מיט א ריינע
האדץ און א גוטע געוויסן און מיט אמתער צוטדוי.
6. א פאר האבן פארבלאנדזט פונם וועג דורך פוסטע רייד.
7. זיי ווילן זיין מלמדים פון תורה אבער זיי פארשטייען נישט
נאר זייער אייגענער רייד אבער אויך וואס זיי באהויפטן.
8. אבער מיר ווייסן אז די תורה איז גוט אויב מיר באנוצזיך
לויט דער תורה.
9. מיר ווייסן אז די תורה איז נישט פאר איינער ווער איז
איינשטענדיק נאר זי איז פאר די וואס היטן נישט אפ תורה

און
מורדים, כופרים, פארזינדיקער רשעים, און וועלטליך -פאר
מענטשען וואס הארגנן זייערע טאטעס און מאמעס.
10. נואפים, משכב זכרניקעס שוכרים פון קנעכט, שקרנים,
עדי שקר און אלע וואס פירענ זיך היפוך דער געזונטער
לערורונג.
11. וואס איז לויט דער גוטע בשורה פון הערליכקייט פון
דעם
געבענטשטען ג-ט.
12. און איך לויב דער וואס האט מיר געשענקט כח אונדזער
האר ישוע המשיח. ער האט מיר געהאלטן באגלויבט צו זיין
אין
זיין דינסט.
13. אפילו איך פלעג זיין א מחלל שם, א רודף, און א בעל
גאווה.
איך האב באקומען רחמים ווייל איך האב אלעס געטאן
נישטוויסנדיקערהייט און אן אומגלויבן.
14. אונדזער הארס חסד איז געווען גרויס. מיט אמונה און
ליבע.
15. נאמן איז דאס ווארט וואס זאגט אז ישוע המשיח איז
געקומען אין דער וועלט צו ראטעווען חוטאים און איך בין
דער גרעסטער
חוטא.
16. נאר דערפאר האב איך באקומען רחמנות כדי דורך מיר
דער
גרעסטער חוטא ישוע המשיח באווייזט ווי געדולדיק ער איז
און
אלס א ביישפיל צו די אלע וואס וועלן שפעטער געטרויען אין
אים און דערביי האבן אייביקין לעבען.
17. יעצט צום אייביקע מלך דער אומפארדורבליכער און

אומזיכטבארן, דער איינציגער אלסוויסיק ג-ט זאל זיין כבוד און הערליכקייט לעולמי עולמים. אמן.
18. דאס דאזיקע געבאט געב איך דיר טימוטיוס, מיין זון, לויט די אלע נבואות וועגען דיר און דו זאלסט פירען א גוטע קאמף.
19. האבנדיק אמונה און א גוט געוויסן. וועלעכעס אייניקע האבן אוועקגעשסויסט און דעריבר געליטן שיפברוך פון זייערע אמונה.
20. צווישן זיי איז היימנאיוס און אלכסאנדר וועמען איך האב איברגעגעבן צום שטן כדי זיי זאל לערנען נישט צו באליידיקן ג-ט.

קאפיטל 2

1. קודם בין איך אייך מזהיר אז אלע תחנונים, תפילות, בקשות, דאנק זאל געמאכט ווערען פאר אלע מענטשען.
2. אויך פאר די קיניגן און פאר אלע אין הויכער פלעצער. אזוי וועט מען קענען רויק בשלום זייענדיק געטליך און ערליך אין אלעס.
3. דאס איז איז גוט צו ג-ט, אונדזער רעטער, דאס געפעלט אים.
4. ער וויל אז אלע מענטשען זאללן אויסגעלייסט ווערען און וויסען דעם אמת.
5. ג-ט איז איינער און עס איז איין מעליץ יושר צווישען ג-ט און מענטשען - דער משיח ישוע.
6. ווער האט זיין לעבען אוועקגעגעבן אלס א פדיון פאר אלעמען דערביי געבן עדות צו ג-טס פלאן.
7. צוליב דעם בין איך אויסגעקליבן געווארן אלס אנזאגער און שליח. איך זאג דעם אמת און נישט קיין ליגענס. א באגלייבטער און אן אמתע לערער פאר די

גוים.
8. דעריבער סאיז מיין וואונטש אז ווען איר בעט א ווי עם זאל נישט זיין זאלט איר אויפהייבן הייליגע הענט. זיי זאללען נישט ווערן ברוגז און קריגן זיך.
9. אויך פרויען ווען זיי בעטען זאללן זיין אונגעטאן צניעותדיק מיט שעמעוודיקייט נישט מיט געפלאכטענע האר און גאלדענער אדער פערל צירונג אדער גאר טייערע קליידער.
10. בעסער זאללן זיי זיך אונטאן וואס פאסט פאר ווייבער וואס האלטן זיי דינען ג-ט -- מעשים טובים.
11. זאל די ווייבער לערנען שטילערהייט מיט פולער אונטערגעבענהייט.
12. איך לאז נישט א פרוי לערנן א מאן אדער הערשעווין איבר אים. בעסער זי זאל זיצען שטיל.
13. ווייעל אדם הראשון איזט באשארפן געווארן די ערשטע און דערנאך חוה.
14. אדם איז נישט פארפירט געווארן אבער די פרוי זייענדיק פארפירט האט אן עבירה געטאן.
15. אבער דורך געבוירן וועט זי געראטטעווועט ווערן אויב זי גייט און מיט אמונה און ליבשאפט און פירט א הייליקע לעבען בצניעות.

## קאפיטל 3

1. סאיז א באגלויבטעווארט אז ווען איינער שטרבט צו זיין א מנהיג פונם קהילה ער זוכט א גוטע זאך.
2. א מנהיג קהילה מוז זיין אן אפעלע א מאן פון איין פרוי וואך, ערנסט, מיט מדות טובות א מכניס אורח געשיקט צו לערנען.
3. ער זאל נישט זיין א טרינקער נאר א שלעגער. נישט

א גלוסטער נאך געלט אבער א געדולדיקער. נישט קיין בעל מחלוקת נאד א בעל קנאה.
4. איינער וואס הערשט איבער זיין הויז מיט זיין קינדער אונטערטעניק מיט ערנסטקייט.
5. ווייל אויב ער העשט נישט איבער זיין הויז וויאזוי וועט אויפאסען ג-טס קהילה.
6. נישט א נייער און די אמונה כדי ער זאל זיך נישט האלטן גרויס און דערנאך אונקומען צו די זעלבע משפט פון דעם שטן.
7. ער זאל אויך האבן א גוטען נאמען ביי די אינדרויסן כדי ער זאל נישט אריינפאלן אין א חרפה און אין דעם נעץ פונם שטן.
8. אויך אזוי די שמשים מוזן זיין ערנסטע און באגלויבטע מענטשען. נישט טרינקן צו פיל וויין נאר נאכלויפערס פון נישט ערליכע געלט.
9. וואס האלטן דעם סוד פון דער אמונה אין א לויטר געוויסן.
10. צומערשט זאללן זיי געפרוווט ווערן און נאר דערנאך זאללן זיי זיין שמשים זייענדיק אן א פעלער.
11. אזוי דארפן די פרויען זיין ערנסט נישט קיין בעלי לשון הרע. ניכטע און באגלויבט אין אלעס.
12. זאלן די שמשים זיין חתונה געהאט מיט איין פרוי וואס הערשען גוט איבער זייער הייזער.
13. ווייל די וואס דינען אלץ שמשים קויפן איין פאר זיך א גוטער שטאנד און אויך מוט אין דער אמונה וואס איז אין ישוע המשיח.
14. איך שרייב די דאזיגער ווערטער מיט די הוף אייך צו באזוכען.
15. אבער אויב איך פארשפעטזיך א לאנגע צייט איר זאלט וויסן ווי אזוי זיך אויפצופירען אין ג-טס הויז וואס איז די

קהילה פון דעם לעבעדיקן ג-ט. די עמוד און יסוד פונמ אמונה.

16. און נישט אפצולייקענען גרויס איז דער סוד פון די אמונה. ג-ט האט זיך ארוסגעוויזען ווי א בשר ודם. א צדיק געווארן אינם גייסט. אנבוויזן געווארן צו די מלאכים, אנגעזאקט געווארן ביי די גוים, געגלויבט אין דער וועלט און דערנאך ארויפגענומען געווארן אין הימל מיט הערליכקייט.

קאפיטל 4

1. דער גייסט גייסט אויטלעך זאגט אז באחרית הימים וועלן איינציגער וועלן אוועק גיין פון דעם אמונה זורך לייגן קופ צו פאלשע רוחות און אויך לערונגען פון שדים.
2. א זעלעכע לערונגן קומען פון צביעות פון ליגנערס וואס טראגען אין זייער אייענער געוויסן זענען פארברעגט געווארן מיט א הייסער אייזן.
3. זיי אסורן חתונה צו האבן און צו עסען וואס ג-ט האט באשאפען צו געניסן מיט דאנק פאר די מאמינים אין דעם אמת.
4. אלעס וואס ג-ט האט באשאפן איז גוט און גארנישט וואס ווערט געמאכט דעראוף א ברכה זאל ווערן אפגעריסן.
5. ווייל ג-טס ווארט צוזאמען מיט א ברכה מאכט דאס הייליק.
6. אויב אייך לעגען דאס פאר די ברידער ,איר וועט גוט באדינען ישוע המשיח. עס וועט ווייזן אז אירזיינען געצויגן אין דער אמונה און אין גוטע לערערונג.
7. אבער מייד אויס די פוסטע כפירהדיקע מעשיות און פיר זיך אין געטליכקייט.
8. אבער די קעפעלעכער איבונג ברענגט ווייניק נוצען אבער ידאת שמים איז צו אלעס נוצליך סיי עולם הזה און סיי

עולם הבה.
9. דאס איז א באגלויבטע ווארט וואס איז צו פארשטיין.
10. דערפאר ארבייט איך און לייד אלע מין צרות ווייל מיר גלויבן אין א לעבעדיקן ג-ט ווער איז דער גואל פון גאנץ מענטשהייט בפרט די וואס גלויבן.
11. די זאכען באפעל און לערן.
12.זאל קיינער נישט מבזה זיין דיין יוגענט אבער להיפך זיי א ביישפיל צו די מאמינים אין אייער דיבור אויפפיר ,ליבשאפט ,גלויבן ,און לויטערקייט.
13. ביז איך וועל קומען געב אכט אויף ליינען די תורה ,אויף מוסר זאגען און אויף דער לערערונג.
14. פארנאכלעסיק נישט די מתנה אין דיר וואס איז געגעבן געווארן דורך נבואה ווען די זקנים האבן דיר סמיכה געגעבן.
15. טראכט אריין אין די זאכען און געב זיך איבער צו מקים זייןכדי דיין פארטשדיט זאל אנגעזען ווערן ביי אלעמען.
16. געב אכט אויף דיר אליין און אויך אויך דער לערערונג. בלייב אין איר ווייל ווען דו ביסט מקים דער ווארט ביסט זו צוזאמען מיט דיינע צוהערעס געראטעוועט.

קאפיטל 5

1. רעד זיך נישט אויס אויף אן עלטערע מענטש מיט בייזקייט אבער רעד צו איפ אזוי ווי א פאטערץיר זיך מיט יונגער מענטשען אזוי ווי ברידער.
2. עלטערער פרויען אזוי ווי מאמעס און יונגער ווייבער ווי שוועסטער אבער בטהרה.
3. זייט מכבד אלמנות וואס זיינען אין נויט.

4. אבער אויב אן אלצנה האט קינדער אדער אייניקליך
צומערשט זאללן זיי אויסלערנן זייער פליכט צו זייערע
משפחה און דערמיט צאל צוריק דעם חוב וואס זייזיינען
אליין שולדיק זייער עלטערען- ווייל דאס האט ג-ט ליב.
5. יעצט די אלמנה וואס האט נויט ,וואס איז אליין געבליבן
זי
האט בטחון אין ג-ט און בעט און איז מתפלל טאג און נאכט.
6. אבער די וואס לעבט אין עולם הזה איז אזוי ווי טויט
אפילו
זי לעבט.
7. לערן זיי וועגן דיזא ענינים כדי זיי זאללן זיין און א פעלע.
8. אבער אויב איינער זארג נישט פאר זיינע קרובים ובפרט
פאר זיין
אייגענעג בני בית איז ער ערגער עז האט געלייקנט די
אמונה און איז ערגער ווי א כופר.
9. פארעכנט נישט אלס אלמנה איינע יונגע פון זעכסיק און די
פרוי פון איין מאן.
10. באוווסט פאר מעשים טובים: אויב זי האט דערזויגן
קינדער ,ארייועגנומן אורחים ,ארייועגנומן אורחים ,געוואשט
דימ פיס פון די קדושים ,געהאלפן די געפלאגטע ,אויב די
האט אלע סארט מעשים טובים געמאכט.
11. אבער יונגע אלמנות נעם נישט און ווייל ווען זיילעבן אין
עולם
הזה קעגו דעם משיח ווילן זיי חתונה האבן.
12. זיי פארדינען א משפט פאר עוועקגיין פון די ערשטע
אמונה.
13. און אויך זיי לענען צו זיין פויל - גייען פון שטוב צו שטוב.
נישט נאר
פויל אבער כדי צו רעדען פלודעריי און אריין מישען אין
יענעמס

געשעפטן רעדענדיק וואס איז בעסער נישט צו רעדען.
14. דעריבער האלט איך אז סאיז בעסער פאר די יונגע
אלמנות
צר האבן חתונה און צו האבן קינדער און פירען א שטוב כדיי
אז
די שונאים זאללן נישט האבן וואס זיי צו בארעדען.
15. ווייל סאיז שוין עטלעכע וואס זיינן נאך געגאנגן דעם
שטן.
16. אויב א מאן אדער א פרוי פון די מאמינים האט א קרובה
אן אלמנה זאל זיי איר אויסהאלטן און די קהילה זאל נישט
דארפען כדי צו קענן העלפו אנדערע אין נויט.
17. די זקנים פון די קהילה וואס פירען גוט זאללן באקומן א
טאפעלטע כבוד -איבער הויפט זי וואס דרשנן און לערנן
אנדערע.
18. ווייל אין פשוק שטייט, אן אקס ביים דרעשן זאלסט דו
נישט
פארבינדן דאס מאל (דברים כ"ה ד) און דער ארבעטער איז
ווערט
זיין לוין.
19. הער קיין מאל נישט אן אנקלאג קעגן די זקנים און צויי
אדער
דריי עדים.
20. באשטראף די חוטאים פאר אלעמען כדי די אנדערע
זאללן זען
און מורא האבן.
21. איך באשווער פאר ג-ט און דער האר ישוע המשיח און די
אויסגעוועלטע מלאכים אז קיינער אז איר זאלט טאן די
זאכען
אן פאראורטייל און נישט מיט פארטייאישקייט.
22. געב נישט קיין סמיכה צו גיך און נעם נישט טייל אין

יענעםס
זינד. האלט זיך ריין.
23. טרינק מער נישט קיין וואסר נאר נעם א ביסל ווין צוליב
דיין
מאגן און דיין אנדערע שוואכקייטן.
24. די זינד פון א טייל מענטשען זיינען קלאר און גייען
פאראויס צו
משפט. אנדערע מענטשען פאלגן זיי נאך.
25. אזוי איז אויך מעשים טובים פון עטלעכע זיינן פאראויס
קלאר
און ווען סאיז באהלטן זייערע מעשים טובים סאיז דאך
קענטיק.

קאפיטל 6

1. די וואס זיינן קנעכט אונטערן יאך זאללן אפגעבן זייערע
בעלי בתים
כבוד כדי ג-טס נאמען און זיין לערנונג זאל נישט געלעסטערט
ווערן.
2. און די וואס האבן בעלי בתים מאמינים זאללן זיי נישט
מבזה
זיין ווייל זיי זיינן מאמינים להיפך זיי זאללן זיי באדינן ווייל
זיי זיינן
מאמינים און די וואס באקומן דינסט זיינן
געליבטע וואס האבן א חלק אין דער מתנה (פון ג-ט). דאס
זאלסט
דו לערנן און מזהיר זיין.
3. אויב עמיצער לערנט אנדערש און איז נישט מסכים צו די
געזונטע לערונג פון ישוע המשיח און צו די שיטה פון
געטליכקייט ;

4. ער איז א בעל גאווה און ווייסט גארנישט אבער ער גיט זיך
אפ מיט שאלות און קריגעריי פון וואס שטאמט קנאה,
מחלוקת,
באליידיקונגען,און חשדות.
5. וויכוחים פון פארדארבענע מענטשען וואס פעלט זיי דער
אמת. זיי מיינן אז די אמונה איז א וועג צו רייבקייט.
6. אבער יראת שמים מיט צופרידינקייט איז א גרויס
געווינסט.
7. מיר האבן גארנישט אריינגעבראכטאינם וועלט און מיר
וועללן
גארנישט ארויסנעמן.
8. האבנדיק עסען און קליידער זאללן מיר זיין צופרידן.
9. אבער די וואס ווילן זיין רייך פאלען אריין אין נסיונות, א
נץ, און א מאך נארישע און שעדליכע תאוות וואס דערטרינקן
מענטשען אין אונטערגאנג און פארדארבונג.
10. ליבע צו געלט איז דער שורש פון אלעם שלעכטן. צוליב די
תאווה זיינן עטלעכע אוועק פון דער אמונה און געבראכט
אויף זיך א סאך צרות.
11. אבער דו ג-טס מענטש אנטלויף פון די דאזיקע זאכען און
גיי נאך צדקות, יראת שמים, אמונה, ליבשאפט,סבלנות,
ענאווה.
12. קעמף דעם גוטן קאמף פון דער אמונה. נעם און דאס
אייביקע לעבן צו וועלכן דו ביסט גערופן געווארן און צו
וועלכער דו האסט גוטע עדות געגעבן פאר א סך לייט.
13. איך באפעל דיר פאר ג-ט וועלכער מאכט אלעס לייבידיק
און פאר ישוע המשיח וועלכער האט די זעלבע גוטע עדות
געזאגט פאר פונטיוס פיילוטין,
14.